בס"ד

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת נח

## בנתיבות אמונים

פון די טיפקייט פון די פרשה אין די ענינים פון אמן און תפילה

### עשה למען שמך

ווען מיר ענדיגן די שמונה עשרה זאגן מיר א ספעציעלע בקשה: "עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ, עֲשֵׂה לְמַעַן יְמִינֶךָ, עֲשֵׂה לְמַעַן תּוֹרָתֶךָ, עֲשֵׂה לְמַעַן קְדֻשָּׁתֶךָ". די מקור פון די בקשה טרעפן מיר אין טור (או"ח קכב): "שמואל האט געזאגט, יעדער וואס איז געווארנט צו זאגן די פיר זאכן **איז זוכה צו מקבל זיין די פני השכינה**; 'עשה למען שמך, עשה למען ימינך, עשה למען תורתך, עשה למען קדושתך'".

דער **ב"ח** (שם) ערקלערט די טיפקייט פון דעם: "איך האב געטראפן שטיין אז דאס וואס מ'איז זוכה צו מקבל זיין פני שכינה איז ווייל מיט די פיר זאכן איז ער מייחד די רגלי המרכבה: למען שמך - איז עטרת, ימינך - איז חסד, תורתך - איז תפארת, קדושתך - איז גבורה".

א אנדערע נוסח ווערט געברענגט אין **'ספר המנהיג'** (הל' תפילה) אין נאמען פון קדמונים: "יעדער וואס זאגט נאכן דאווענען די דריי זאכן: עשה למען שמך, עשה למען ימינך, עשה למען משיח צדקך, **ווערט זיין תפילה אנגענומען**".

אויך ווען מיר ענדיגן די אלע בקשות פון 'אבינו מלכנו' וואס איז אוועק געשטעלט אקעגן די ברכות פון שמונה עשרה ('סידור עבודת ישראל') בעהטן מיר: "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא שֶׁנִּקְרָא עָלֵינוּ".

#### את קשתי נתתי - בענן

ווען מיר קומען ערקלערן די טיפקייט פון די בקשה וועלן מיר אנהויבן מיט די ווערטער פון מרן ה'**חתם סופר**' ('תורת משה') אויפן פסוק אין אונזער פרשה (ט יג): "אֶת קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן וְהָיְתָה לְאוֹת בְּרִית בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ": "קשתי - איז ר"ת קדושתי, שמי, תורתי, ימיני", דאס איז א רמז אויף די בקשה: 'עשה למען שמך, עשה למען ימינך, עשה למען תורתך, עשה למען קדושתך'".

די גאר געהויבענע ווערטער ערקלערט זיין תלמיד **רבי חזקיה פייבל פלויט** דער רב פון שוראן ('ליקוטי חבר בן חיים' ח"ג בהקדמה) געבויעט אויף וואס חז"ל זאגן (ברכות לב ב וראה מהרש"א) "פון ווען עס איז חרוב געווארן די בית המקדש זענען פאשלאסן געווארן די טויערן פון תפילה"... ווייל עס שטייט (איכה ג מד): 'סַכּוֹתָה בֶעָנָן לָךְ מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה'". לויט דעם קענען מיר פארשטיין, אז אין דעם פסוק "את קשתי נתתי בענן" איז מרומז אז אויך אין די צייט פון די גלות, ווען דער וואלקן פארדעקט און פארשפארט פאר אונז די טויערן פון תפילה, האט השי"ת געגעבן פאר אונז די סגולה פון 'קשת"י' - ד.מ. די פיר זאכן וואס עס צו דערמאנען איז א סגולה צו מקבל זיין פני שכינה, און דורך דעם זענען מיר זוכה אז אונזערע תפילות וועלן אנגענומען ווערן אויך ווען מיר זענען אין גלות.

עס פאסט זיך צולייגן וואס עס ווערט דערציילט אויפן **'אמרי אמת'** פון גער אז ער האט זיך געפירט זיך צו בוקן פיר מאל לכבוד די שכינה בשעת'ן זאגן די פיר בקשות ('יגדיל תורה').

#### אלע אונזערע בקשות זענען 'למען שמך'

עס זעהט אויס אז נישט אומזינסט האט מען מתקן געווען זיי צו זאגן פונקט ביים ענדיגן די שמונה עשרה, ווייל דער וואס זאגט עס ביים ענדיגן דאווענען, איז מיט דעם מגלה דעת אז אלעס וואס ער האט געבעהטן אין לויף פונעם דאווענען, האט ער נישט געבעהטן ווייל ער האלט אז עס קומט זיך אים אלץ זיינע מעשים, נאר ער האט געבעהטן אלץ דעם אויבערשטנ'ס חסדים און וועגן זיין נאמען, זיין תורה און זיין קדושה, און אויב ער טוהט טאקע אזוי איינערקענען, איז ער ראוי אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן און ער וועט זוכה זיין צו מקבל זיין פני שכינה.

וויבאלד אז די געדאנק איז זייער א וויכטיגע זאך ביים דאווענען, און דאס איז די שליסל פון אננעמען די תפילות, פארשטייט מען פארוואס האט מען מתקן געווען אז עס זאל ווי א טייל וואס קומט באלד נאכן עיקר דאווענען, וואס דאס איז די תפילה פון שמונה עשרה, כדי דער מענטש זאל זיך פון דעם אפלערנען אז דאס דארף זיין דער ציל פונעם מענטש ביים דאווענען - נישט צו בעהטן ווייל עס קומט זיך, נאר בעהטן ווי א מתנת חינם ('בים דרך' שמות ב מאמר מד אות כט-ל).

אבער, האט דער משגיח **רבי חיים פרידלענדער** זצ"ל געזאגט, כדי זוכה צו זיין אין דעם איז נישט גענוג נאר מיט זאגן, נאר מיר דארפן עס פילן אין טיפן הארץ ווי שטארק עס טוהט אונז וויי אז דער כבוד שמים איז פארהוילן, און ווי ווייט מיר גלוסטן אז עס זאל אויפגעדעקט ווערן דעם אויבערשטנ'ס כבוד און די כבוד התורה, אז עס איז אמת אז מיר בעהטן נישט וועגן אונז, נאר מיר בעהטן וועגן זיין כבוד און אז זיין נאמען זאל פארהייליגט ווערן.

אזוי ווי עס שרייבט **רבי חיים וואלאזשינער** (נפה"ח ב יא) אז די תכלית פון די כוונה ביים דאווענען דארף זיין נאר וועגן דעם אויבערשטן, ווייל ווען עס איז פארהאנען א חילול השם אין די צייט וואס די אידן געפינען זיך אין א ענגשאפט און די פעלקער פרעגן: "איז דעם דאס די פאלק פון דעם אויבערשטן?!", דארפן אלע בעהטן און זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר השי"ת אז זיין נאמען זאל נישט פארשוועכט ווערן, און ער זאל זיך אננעמען פאר זיין אייגענעם נאמען ('שפתי חיים - רינת חיים' ביאור שמו"ע).

#### דער עיקר און דער טפל

דער גאון **רבי חיים שאול קויפמאן** דער ראש ישיבה פון גייטסהעד האט עס ערקלערט מיט א מעשה וואס איז געווען ביי איינעם פון די גרויסע צדיקים: איינמאל איז געקומען צו אים א סוחר און האט זיך געוואלט דורך שמועסן וועגן זיינע געשעפטן, אבער דער רבי האט אים אפגעזאגט און אזוי געזאגט: 'איך בין נישט קיין סוחר און איך פארשטיי נישט אין די זאכן'. גלייך נאך אים איז אריין א צווייטער איד צום רבי'ן און ווען ער איז ארויס האט ער דערציילט פארן סוחר - וואס איז נאך געווען אינדרויסן - אז צווישן אנדערע זאכן האט דער רבי אים אויך געגעבן קלוגע עצות וועגן זיינע געשעפטן.

פארשטייט זיך אז דער סוחר איז באלד צוריק צום רבי'ן און האט זיך געוואונדערט: 'פארוואס האט דער רבי מיך נישט אויפגענומען און דעם אנדערן יא?', האט דער רבי אים געענטפערט: איך וועל עס דיר ערקלערן מיט א משל, צו וואס איז עס גלייך: א סוחר וואס האט איינגעקויפט אין א פאבריק א גרויסע קוואנטום פון סחורה פאר נישט א קליינע סומע, ווען ער האט שפעטער באמערקט אז די רעדער פון זיין וואגן קריצן, איז ער צוריק און האט געבעהטן א קליינעם פלעשל אויל פאר זיין וואגן, דער באלעבאס האט עס באלד דערלאנגט, און האט אפילו נישט געוואלט נעמען קיין געלט אויף דעם.

א בעל-עגלה וואס איז געשטאנען אין די זייט און האט עס צוגעזעהן איז אים עס זייער געפעלן, איז ער אויך צוגעגאנגען און געבעהטן פונעם באלעבאס א פלעשל אויל אומזינסט, אזוי ווי דער פריערדיגער סוחר... אבער דער געשעפטסמאן האט אים געגעבן צו ערקלערן: דער סוחר וואס איז דא געווען פאר דיר האט איינגעקויפט ביי מיר א גרויסער קוואנטום פון סחורה און האט באצאהלט פאר דעם א גרויסע סומע, וועגן דעם האב איך זיך געפריידט אים צו שענקען פון מיר א פלאש אויל כדי ער זאל קענען אהיים פירן די סחורה וואס ער האט איינגעקויפט ביי מיר, אבער דו, וואס דו האסט גארנישט איינגעקויפט ביי מיר, וויאזוי האסטו זיך געוואגט צו קומען בעהטן אויל פאר די רעדער פון דיין וואגן?!

אויך דו, האט דער רבי ערקלערט פארן סוחר, ווען דו ביזסט געקומען צו מיר נאר איך זאל דיר געבן עצות אויף דיינע געשעפטן האב איך דיר אפגעזאגט, ווייל אין אמת'ן געב איך זיך נישט אפ מיט די ענינים. אבער דער צווייטער סוחר האט זיך קודם דורכגערעדט מיט מיר אסאך צייט אין עניני עבודת ה' און מיט דעם האט ער אויפגעוויזן אז דאס איז דער עיקר און דער ציל פון זיין לעבן; אויב אזוי, ווען ער האט אין ענדע געבעהטן א עצה וועגן זיינע געשעפטן האב איך זיך אפגעגעבן מיט דעם, ווייל איך האב פארשטאנען אז ביי אים איז די פרנסה כדי צו קענען דינען דעם אויבערשטן.

מיט דעם, האט ערקלערט רבי חיים שאול, קענען מיר פארשטיין וואס מיר זאגן ביים ענדע שמונה עשרה: "עשה למען שמך...", ווייל ווען די עיקר פון אונזערע בקשות זענען אויף הצלחה אין עבודת ה' און אויף אונזער רצון זיך צו דערנענטערן צו אים, איז אויך אויב מיר בעהטן אז צו דעם זאלן מיר אויך האבן געזונט און פרנסה, ווייל דער עיקר ציל איז עבודת ה', ממילא וועט השי"ת אויך געבן אלע אונזערע געברויכן.

וועגן דעם ברענגט דער טור אז דער וואס איז געוואוינט צו זאגן אין סוף פון זיין שמונה עשרה 'עשה למען שמך...' איז זוכה צו מקבל זיין פני השכינה, ווייל מיט דעם האט ער אויפגעוויזן אז אלע זיינע בקשות אויף די וועלטליכע געברויכן איז נאר כדי ס'זאל ארויס קומען א קידוש ה' אויף דער וועלט, און ער זאל קענען מקיים זיין די תורה און די מצוות ווי עס דארף צו זיין, מיט דעם ווערן אלע זיינע עניני עולם הזה אויף רוחניות - וואס דאס קען אסאך צוהעלפן אז די תפילות זאל אנגענומען ווערן (קובץ 'קול התורה' סב עמ' ע).

#### רעגן אין זכות פון אמן

"וַיִּסָּכְרוּ מַעְיְנֹת תְּהוֹם וַאֲרֻבֹּת הַשָּׁמָיִם וַיִּכָּלֵא הַגֶּשֶׁם מִן הַשָּׁמָיִם" (ח ב)

'ויכלא הגשם מן' - איז די סופי תיבות 'אמן', פון דעם איז א רמז אז די רעגן קומט אין זכות פון ענטפערן אמן, און אויב מ'ענטפערט נישט אמן ווי עס דארף צו זיין, הערט חלילה אויף צו קומען רעגן, אזוי ווי די חכמים זכרונם לברכה זאגן (תענית ח א): "אין גשמים יורדים אלא בשביל בעלי אמנה".

'שמנה לחמו' ח ב; 'אסיפת גרשון' א יג



## בברכה שלימה ונאמר אמן

**דער 'דברי ישראל פון מאדזשיץ' שרייבט אין אונזער פרשה:** אין די ווערטער "לֵאמֹר צֵא מִן" (ח טו-טז) האט די תורה מרמז געווען אויף די תקנה וואס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (תיקו"ז יט) צו זאגן יעדן טאג ניינציג אמנים, ווי די תורה זאגט אונז דא: **'לֵאמֹר צ' אמן'**.

דאס אכטונג געבן צו ענטפערן אמן איז משפיע פארן מענטש שפע פון טובה און ברכה אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הק' (וילך רפה א) און אין נאך מאמרי חז"ל, און אזוי ווי עס מרומז ביים ענדיגן בענטשן ברכת המזון: 'כן יברך אותנו... בברכה שלימה ונאמר אמן' אז דער וואס וויל געבענטש ווערן מיט 'בברכה שלימה' זאל ער אכטונג געבן אויף 'ונאמר אמן'.

**לאמיר זיך משתדל זיין אכטונג געבן צו ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמן'ס ווי די תקנה פון חז"ל,**
**ויהי רצון אז אין דעם זכות זאלן מיר זוכה זיין צו געבענטש ווערן - בברכה שלימה ונאמר אמן.**

# פניני אמונים

פערל ווערטער איבער אמן
און תפילה אין די פרשה פון די וואך

## זכר צדיק לברכה

"אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק" (ו ט)

פארוואס דערציילט די תורה אז נח איז געווען א 'צדיק', האט רש"י ערקלערט: "הואיל והזכירו סיפר בשבחו שנאמר (משלי י ז) "זכר צדיק לברכה"".

אבער לכאורה, אין דעם פסוק שטייט '**לברכה**' איז וויאזוי קענען מיר פון דעם זיך ארויס לערנען אז ווען מ'דערמאנט דעם צדיק דארפן מיר אים לויבן?

נאר דא ליגט א גרויסער חידוש, האט געזאגט **רבי שמואל דוד וואלקין** דער רב פון קהל 'בית אהרן' אין קווינס, מיטן עצם רעדן פון דער לויב פון דעם צדיק און מ'דערמאנט זיינע זכותים, וועט ער שוין ממילא געבענטש ווערן.

און רבי שמואל דוד דערציילט פון זיינע זכרונות פון די צייטן וואס ער האט געלערנט אין די ישיבה פונעם 'חפץ חיים', אז ווען א ר"מ אין די ישיבה דער גאון **רבי נפתלי טראפ** זצ"ל איז קראנק געווארן אויף א קראנקייט וואס פון דעם איז ער שוין נישט אויסגעהיילט געווארן, פלעגט דער '**חפץ חיים**' זיצן און דערציילן אסאך פון זיינע מעלות און שבחים, און ער האט געזאגט אז מיט דעם וויל ער ס'זאל נתעורר ווערן אויף אים די מידת הרחמים.

'רמת שמואל'

## זיך איינגאנצן אריינלייגן אין די 'תיבה'

"וַיֹּאמֶר ה' לְנֹחַ בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה" (ז, א)

דער צדיק **רבי משה קאברינער** האט געזאגט: אין דעם פסוק האט די תורה מרמז געווען, אז ווען א איד זאגט די ווערטער פון דאס דאווענען, דארף ער עס טוהן אויף א אופן פון 'בא אתה וכל ביתך אל התיבה', ד.מ. אינגאנצן אריינגיין אין די ווארט וואס ער זאגט ארויס פון זיין מויל, עס צו זאגן מיט כוונה.

ווען איינער פון די צוהערער'ס האט זיך געוואונדערט: וויאזוי קען אזא גרויסער מענטש אריינגיין אין אזא קליינע ווארט? האט דער קאברינער געענטפערט: ריכטיג טאקע, איך האב נישט גערעדט פון איינעם וואס האלט זיך גרעסער פון א ווארט...

'אמרות טהורות'

מענין לענין באותו ענין קענען מיר צולייגן און טייטשן די 'התיבה' אויף וואס די פסוק רעדט איז די באקאנטע ווארט - 'אמן', וואס איבער איר זאגן חז"ל (שבת קיט ב) אז דער וואס זאגט איר 'בכל כוחו', ד.מ. מיט זיין גאנצע כוונה, איז ער פארזיכערט אז מ'וועט עפענען פאר אים די טויערן פון גן עדן.

## א רמז אויף די טעג וואס מ'זאגט גאנץ הלל

"שְׁנַיִם שְׁנַיִם בָּאוּ אֶל נֹחַ אֶל הַתֵּבָה" (ז, ט)

דער קדוש **רבי שמשון אויסטרפאלער** ברענגט אין נאמען פון 'מדרש הנעלם', אז דער פסוק איז א רמז אויף די טעג וואס מ'זאגט גאנץ הלל, דאס זענען: די צוויי ערשטע טעג פון יו"ט פסח, צוויי טעג פון יו"ט שבועות און ניין טעג פון סוכות - אין חו"ל, און אכט טעג פון חנוכה איבעראל.

און דאס איז מרומז אין די פסוק: 'שנים שנים' - צוויי טעג פון פסח און פון שבועות, 'באו' - באטרעפט ניין, דאס איז די ניין טעג פון יו"ט סוכות, 'אל נח' - באטרעפט חנוכה (89).

'ליקוט שושנים'

## די אונטערשייד פון 'גשם' צו 'מטר'

"וַיְהִי הַגֶּשֶׁם עַל הָאָרֶץ אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה" (ז יב)

מ'דארף פארשטיין, פארוואס ביי די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה לויבן מיר דעם אויבערשטן מיטן לשון "משיב הרוח ומוריד הגשם", אנדערשט ווי ביי די ברכה פון 'ברך עלינו' ווי מיר בעהטן אויף רעגן, וואס דארט ווערט עס אנגערופן מיט די לשון 'מָטָר' - ותן טל **ומטר** לברכה?

האט עס ערקלערט דער גאון **רבי שלמה הכהן פון ווילנא**: פון די לשון פון די פסוקים ביי די פרשה פון די מבול קענען מיר זיך לערנען אז אין די ווארט 'גשם' איז אויך אריינגערעכנט רעגן וואס קומען אראפ ווילדערהייט וואס זענען נישט לברכה, לויט דעם ווען מיר פארשטיין ווען מיר דערמאנען די **שטארקייט** פון השי"ת קענען מיר דערמאנען 'גשם'; אבער ווען מיר קומען בעהטן אויף גשמי ברכה איז פאסיג אז מיר זאלן בעהטן נאר אויף די 'מטר' וואס דאס איז א צו נאמען אויף רעגן וואס זענען יא לברכה.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין פארוואס ביי די 'תפילת גשם' באלד נאך וואס מיר לויבן דעם אויבערשטן: 'שאתה הוא... משיב הרוח ומוריד הגשם', בעהטן מיר באלד אז עס זאל זיין - 'לברכה ולא לקללה'.

הגהות 'חשק שלמה' תענית ב א

## די תפילות ווערן אנגענומען אין 'חודש השביעי'

"וַתָּנַח הַתֵּבָה בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי" (ח ה)

דער הייליגער '**נועם אלימלך**' שרייבט: אין דעם פסוק האבן מיר א רמז אז די ווערטער פון דעם דאווענען איז גרינג זיי זאלן אנגענומען ווערן ספעציעל 'בחודש השביעי' - דאס איז חודש תשרי וואס יעדער איד טוהט דעמאלטס תשובה.

## די הלכה וואס איז מרומז אין די מסורה

"וְהַמַּיִם הָיוּ הָלוֹךְ וְחָסוֹר" (ח, ה)

פיר מאל ווערט דערמאנט די ווארט 'הלוך' אין די פסוקים פון די תורה, און זיי אלע אין חומש בראשית: א. "הָלוֹךְ וָשׁוֹב" (ח ג), ב. "הָלוֹךְ וְחָסוֹר" (ח ה), ג. "הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ" (יב ט), ד. "הָלוֹךְ וְגָדֵל" (כו יג).

האט **רבי דוד מאשקאוויטש** ערקלערט בדרך צחות אין זיין ספר '**גלילי זהב**' אז אין די מסורה איז מרומז די הלכה וואס ווערט געברענגט אין די גמרא (ברכות ו ב) אין נאמען פון רבי חלבו וואס האט עס נאכגעזאגט פון רב הונא: "דער וואס גייט ארויס פון שוהל זאל נישט גיין קיין שנעלע טריט" לייגט אביי צו אויף דעם, אז דער איסור איז נישט געזאגט געווארן נאר ביים ארויסגיין פון שוהל, אבער ביים אריינגיין - איז פארקערט, ס'איז א מצוה צו לויפן.

און דאס איז מרומז אין די סדר פון די מסורה: "הלוך ושוב" - ווען מ'גייט ארויס פון שוהל, "הלוך וחסור" - דארף מען גיין געלאסן, אבער "הלוך ונסוע" - ווען מ'גייט אריין אין שוהל, "הלוך וגדל" - איז א מצוה צו לויפן.

## וויאזוי זענען מיר פארזיכערט מיט משיח'ס אנקומען?!

"עֹד כָּל יְמֵי הָאָרֶץ זֶרַע וְקָצִיר וְקֹר וָחֹם וְקַיִץ וָחֹרֶף וְיוֹם וָלַיְלָה לֹא יִשְׁבֹּתוּ" (ח כב)

אין איינס פון אסיפות וואס איז אפגעראכטן געווארן אין אנהויב פון די ערשטע מלחמה יארן האט זיך א עסקן אפגערעדט פארן '**חפץ חיים**' זאגנדיג: "וואס וועט זיין די ענדע? די צרות קומען איינס נאכן צווייטן!"...

"די ענדע?!" האט זיך דער חפץ חיים געוואונדערט אויף די פראגע; "אין ענדע וועט משיח קומען!".

דער עסקן איז פארוואונדערט געווארן פון די שארפקייט פון די ענטפער, און דער חפץ חיים האט אים ערקלערט: "קוק נאר מיין פריינד, יעצט איז נאכט און עס הערשט א פינסטערניש אין די גאסן, וויאזוי קענען מיר זיין פארזיכערט אז מארגן וועט אויפשיינען די זון? פון איין פסוק וואס שטייט אין תורה "ויום ולילה לא ישבותו"; אויב אזוי, רעכן נאר וויפיל פסוקים זענען מיר צוגעזאגט געווארן אין די תורה און דורך די נביאים אויף די צייט פון די גאולה - אזוי ווי דו ביזסט זיכער אז מארגן וועט אויפשיינען די זון, אזוי בין איך זיכער אז די גאולה וועט אנקומען!

שיחות החפץ חיים' אות ל

## עס זענען פארהאנען צוויי ערליי בויגן

"אֶת קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן וְהָיְתָה לְאוֹת בְּרִית בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ" (ט, יג)

דער '**ספורנו**' שרייבט אז עס זענען פארהאנען צוויי ערליי בויגן: איינס איז די נאטורליכע בויגן וואס ווערט געזעהן אין א רעגנ'דיגן טאג, און די צווייטע איז די בויגן פון וואס די תורה רעדט, און אירע קאלירן זענען פארקערט פון די נאטורליכע בויגן; ווען אזא בויגן ווערט באוויזן איז עס ווי א רוף צו די צדיקי הדור זיי זאלן דאווענען אויף זייער דור, ווייל מיר טרעפן אז חז"ל האבן אין עטליכע פלעצער געלויבט די צדיקים וואס אין זייער דור האט זיך נישט באוויזן א בויגן, ווייל זיי האבן גדאווונט אז עס זאל נישט זיין א קטרוג אויף זייער דור.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## טרערן אינעם טעלעפאן בודקע

א שיינע טייל פון זיין לעבן האט דער משגיח רבי אליהו אליעזר דעסלער זצ"ל, דער 'מכתב מאליהו', געוואוינט אין גייטסהעד וואס געפינט זיך צפון זייט אין ענגלאנד, אהין איז ער אנגעקומען כדי אויפשטעלן דארט דעם באקאנטן תורה פעסטונג וואס שטייט נאך דארטן ביזן היינטיגן טאג.

אין אנהויב פון זיין אנקום קיין גייטסהעד, איז אים געשטאנען פאר זיינע אויגן דאס וויכטיגקייט פון אויפשטעלן א 'כולל' פאר יונגעלייט, א באגריף וואס איז געווען א נייעס אין ענגלאנד פון יענע צייטן, אבער הרב דעסלער האט עס געזעהן פאר גאר א וויכטיגע זאך כדי מ'זאל קענען אויפשטעלן א תורה'דיגע גייסט אין גייטסהעד.

דאס אויפשטעלן דעם 'כולל' איז אים נישט גרינג אנגעקומען, ער איז 'אריינגעשפרינגען אין וואסער' אן צו וויסן אינגאנצן וויאזוי ער וועט קענען טראגן אויף זיך דעם עול פון עס אויפהאלטן. אין יענע צייטן פון אנהויב די צווייטע וועלט'ס מלחמה, האט זיך ענגלאנד געטראפן אין א שווערע מלחמה אקעגן די נאצים ימ"ש, וואס דאס האט צוגעברענגט א שוואכקייט אין פרנסה צווישן אירע איינוואוינער.

די שוועריקייטן וואס יענע תקופה האט מיט געברענגט מיט זיך איז נישט געווען קיין אפהאלט פאר הרב דעסלער, און ווען ער האט איינגעזעהן דאס וויכטיקייט אינעם כולל האט ער נישט געקווענקלט איין מינוט, און ביז א קורצע צייט איז דער כולל געווען א פאקט.

אין לויף פון די יארן וואס דער כולל איז געשטאנען אונטער זיין הערשאפט האבן די יונגעלייט באקומען זייער געהאלט יעדע וואך, אזוי ווי ס'איז איינגעפירט אין ענגלאנד, אן קיין פארשפעטיגונג, א זאך וואס איז געווען א וואונדער פאר אלע ארומיגע.

אויך ער אליין איז געווען אומגלויבליך אן צו פארשטיין וויאזוי ער באוויזט עס, אזוי ווי ער שרייבט אין א בריוו וואס ער האט געשריבן ארום א יאר נאכן אויפשטעלן דעם כולל: **"איך שטיי און איך בין שטוינענד אז די אויסגאבן האט שוין אנגעטראפן די סומע פון הונדערט לירות שטערלינג אויף א וואך (!) און השי"ת מיט זיינע וואונדערליכע ניסים שיקט עס פאר מיר, כאטש וואס זייער ווייניג פארענען זיך און העלפן מיר. פארשטייט זיך, אז צומאל איז עס פאר מיר אביסל שווער, אבער דאס איז דאך די ארבעט וואס השי"ת האט מיך מיט דעם מזכה געווען, און ווי גרויס זענען דעם אויבערשטנ'ס חסדים אז עס האט נישט קיינמאל פאסירט אז איך האב געהאט ווייניגער פון וויפיל עס האט אויסגעפעלט..."**

אויך אין די פעלער וואס הרב דעסלער האט זיך געדארפט פארמעסטן מיט א גרויסן לאך וואס ער האט עס געדארפט משלים זיין אין לויף פון געציילטע טעג, איז שטענדיג געפינען געווארן די סומע און די באצאהלט פאר די יונגעלייט האט זיך נישט פארשפעטיגט, וואס דאס איז געווען פאר אים ווי א צייכן פון הימל אז זיינע מעשים זענען באוויליגט פאר השי"ת.

אויך אינעם רוחניות'דיגן טייל האט הרב דעסלער געזעהן גרויס הצלחה, ווען אין כולל זענען געזיצן אויסדערוועלטע יונגעלייט וואס האבן געלערנט תורה מתוך הדחק וואס זיי האבן אריינגעבלאזן א גייסט פון לעבן אינעם גאנצן געגענט.

און נישט אומזינסט האט די מוסד זוכה געווען צו אזא שטארקע הצלחה, ווייל דער מוסד איז אויפגעשטעלט געווארן נאר מיט איין ציל, צו פארשפרייטן כבוד שמים, אזוי ווי די אלע ביכער האבן עדות געזאגט אויף דעם, ווי דארטן האט דער משגיח אויפגעשריבן יעדע סומע געלט וואס איז אריין געקומען, אויך איינציגע שילינג'ס, אלץ זיין שטארקע אפגעהיטנקייט נישט צו הנאה האבן פון די קאסע פונעם כולל אויך נישט קיין שוה פרוטה.

יענע וואך איז געווען פון די שווערסטע וואכן וואס דער כולל איז אריבער זינט דעם אויפשטעלן. די צייט צו טיילן די געהאלטן איז שוין אנגעקומען און די קאסע פונעם כולל איז אינגאנצן ליידיג, הרב דעסלער איז ארום געלאפן פון טיר צו טיר כדי צו פראבירן דערגרייכן די סומע וואס האט זיך אויסגעפעלט, אבער ער האט נישט מצליח געווען. עס איז אים נישט ארויף געקומען אויפן געדאנק צו נעמען א הלוואה, ער האט געהאלטן אז מ'טאר עס נישט טוהן אן צו וויסן פון פריער פון וואו ער וועט עס קענען באצאהלן.

איינגעזינקען אין זיינע געדאנקען האט הרב דעסלער שפאצירט אין די געסלעך פון גייטסהעד, ביז פלוצלינג איז אים ארויף אויפן געדאנק א נאמען פון א געוויסער איד וואס עס האט אים געדאכט אז די הילף קען אנקומען דורך אים. הרב דעסלער איז באלד צוגעגאנגען צו דעם פאבליק טעלעפאן בודקע זיך צו פארבינדן מיט דעם איד, אבער ער איז ערשטוינט געווארן ווען פון די אנדערע זייט האט אים געענטפערט זיין פרוי אז איר מאן איז ארויס פון שטוב, ווען זי ווייסט נישט וואו אהין ער איז געגאנגען און ווען קומט ער צוריק.

די שמועס האט זיך אפגעהאקט און הרב דעסלער איז איבערגעבליבן איינער אליין אינעם קאלטן בודקע ווען ער איז אינגאנצן פארלוירן -

פלוצלינג האט ער אויסגעבראכן אין א שטורעמישן געוויין, דאס איז געווען א געוויין וואס האט אריינגענומען אין זיך די אלע געפילן פון ווייטאג וואס האבן אים פארפלייצט, און פון דעם ציטער פון די מעגליכקייט אז דאס מאל וועט ער נישט קענען באצאהלן די געהאלט פון די יונגעלייט אין די צייט.

אבער נישט, עס איז נישט געווען א געוויין פון יאוש, נאר א געוויין פון א תפילה וואס איז ארויס געקומען פון טיפן הארץ און איז געווען געוואנדן צום באשעפער וואס פון אים איז גארנישט פארהוילן, אז ער זאל טוהן פאר זיין אייגענעם נאמען און ער זאל שיקן זיין הילף פון הימל כדי אז די ספעציעלע מקום תורה אין דעם פארשטויסענעם לאנד - וואס איז אויפגעשטעלט געווארן כדי צו פארשפרייטן דעם אויבערשטנ'ס נאמען אויף דער וועלט - זאל קענען ווייטער אנגיין.

אזוי, אין לויף פון לאנגע מינוטן איז דער משגיח געשטאנען אין דעם טעלעפאן בודקע ווען ער איז אינגאנצן פארטיפט אין זיין תפילה, און דער נס האט נישט פארשפעטיגט, אויך דאס מאל -

ווען ער ווישט נאך אפ זיינע טרערן און ער גייט ארויס פונעם טעלעפאן בודקע צו דעם טונקעל'ן גאס, און אט באמערקט ער א באקאנטן פנים, דאס איז געווען נישט קיין צווייטער ווי דער איד וואס ער האט יעצט אזוי שטארק געזוכט!

איבערגענומענערהייט פון די חסד וואס השי"ת האט מיט יעצט געטוהן איז הרב דעסלער צוגעגאנגען צו דעם איד און האט זיך אויסגערעדט פאר אים אויף דעם שווערן צושטאנד פון דער כולל; ווי ערווארטערט האט ער באלד ארויסגענומען פון זיין טאש דעם פולן סומע וואס האט זיך אויסגעפעלט און עס דערלאנגט פארן משגיח וואס איז באלד געלאפן צו באצאהלן פאר די יונגעלייט זייער געהאלט.

מיט א צייט שפעטער, ווען דער משגיח האט געדינט אין זיין געהויבענע פאזיציע אינעם הייליגן לאנד, און האט דערמאנט אין א שמועס די ווערטער פון זיין זיידע דער גאון המוסר רבי ישראל סאלאנטער זיע"א אז ווען א מענטש בעהט אויף רוחניות וועט השי"ת אייביג אננעמען זיין געבעהט, האט ער געברענגט צו דעם א דוגמא פון יענע אומפארגעסליכע תפילה אינעם טעלעפאן בודקע, א תפילה וואס האט באלד געברענגט רעזולטאטן.

'מחנך לדורות' ח"ב עמ' 27

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע